בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת לך לך תשע"ז | גליון 383 [שנה ח']

**להנאתך ולטובתך איז דאך איינס!**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל־אַבְרָם לֶךְ־לְךָ: (יב א) זאגט רש"י להנאתך ולטובתך: דארף מען פארשטיין לכאורה איז דאס א דאפלטע לשון, ווייל אויב איז עס להנאתך, דו האסט הנאה, איז דאס אויך לכאורה לטובתך, גוט פאר דיר? נאר עס איז אבער נישט אזוי, ווייל מיר טרעפן אז רשעים האבן הנאה פון טאן עבירות, אבער עס איז נישט א טובה פאר זיי ווייל זיי וועלן מוזן באצאלן פאר די הנאה, און פאר א עושר שרייבט שלמה המלך (קהלת ה יב) יֵשׁ... עֹשֶׁר שָׁמוּר לִבְעָלָיו לְרָעָתוֹ, אמאל איז רייכקייט א שלעכטס פארן מענטש, קומט אויס ער האט הנאה פון זיין געלט אבער עס איז נישט א טובה פאר אים, און מען זעט וואס די גמ' זאגט (פסחים קיח.) אויפן פסוק (תהלים קלו א) הודו לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. ווען דער אויבערשטער מאנט איין פון דעם עושר און נעמט צו זיין אקס אדער ער נעמט צו דעם שעפט פונעם ארימאן, וואס איז לכאורה שלעכט פארן מענטש אבער עס איז פאר זיין טובה, ווייל ער איז אפגעקומען מיט א גרינגערן עונש, און די גמ' (ברכות דף ס:) זאגט כל דְּעָבִיד רַחְמָנָא לְטַב עָבִיד, אלעס וואס דער אויבערשטער טוט צו דעם מענטש איז נאר פאר זיין טובה ווענן, דעריבער זאגט רש"י דער אויבערשטער האט געבענטשט אברהם, להנאתך ולטובתך, אלעס וואס וועט געשען צו אים זאל זיין א הנאה און א טובה, מיט דעם איז אויך גוט וואס שטייט (פסוק ב) וַאֲבָרֶכְךָ זאגט רש"י בממון: ווייל מיר האבן געזען עֹשֶׁר שָׁמוּר לִבְעָלָיו לְרָעָתוֹ, איז די ברכת ה' געווען אז דיין עשירות זאל זיין לטובה ולברכה. (דברי ישראל מאדזיץ)

**געבן עסן און אריינברענגען דעם אויבערשטן**

וְאֶת־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־עָשׂוּ בְחָרָן: (יב ה) זאגט רש"י וואס מיינט עָשׂוּ? שהכניסן תחת כנפי השכינה אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים, זיי האבן זיי אריינגעברענגט תחת כנפי השכינה, ומעלה עליהם הכתוב כאילו עשאום, און עס איז גערעכנט ווי זיי האבן באַשאַפְן די גרים. צו פארשטיין ווי אזוי איז דאס געווען כאילו זיי האבן באַשאַפְן די נפשות? נאר עס שטייט שפעטער (כא לג) וַיִּטַּע אֶשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם ה' אֵל עוֹלָם: זאגט רש"י: על ידי אותו אֶשֶׁל נקרא שְׁמוֹ של הקב"ה אֱלוֹהַּ לְכָל הָעוֹלָם. לְאַחַר שֶׁאוֹכְלִים וְשׁוֹתִים אוֹמֵר לָהֶם בָּרְכוּ לְמִי שֶׁאֲכַלְתֶּם מִשֶּׁלּוֹ, סְבוּרִים אַתֶּם שֶׁמִּשֶּׁלִּי אֲכַלְתֶּם , מִשֶּׁל מִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם אֲכַלְתֶּם: זעט מען אז זיי האבן נישט סתם געגעבן עסן נאר מיטן עסן האבן זיי אויס געלערנט אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט. דער מלבי"ם אין ספר ארץ חמדה הפטרת חוה"מ פסח בסוף ויקרא ברענגט פון ספר אורי וישעי בשם א מדרש נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ (בראשית א כ"ו) אז נַעֲשֶׂה גייט ארויף אויפן עושר וואס גיט עסן פארן ארימאן וז"ל שאמר הקב"ה לעשיר אני אֶבְרָא אָדָם ואתה תפרנסו עכ"ל זעט מען אז דער וואס גיט עסן פאר ארימעלייט ווערט מען א שותף מיטן אויבערשטן אין דעם מענטש, אבער קומט די תורה אונז זאגן אז געבן עסן פאר ארימעלייט איז זייער חשוב, אבער דער תכלית פון געבן עסן איז נאר אויף א אויפן פון אברהם און שרה, וואס מיטן עסן האבן זיי געברענגט די מענטשן תחת כנפי השכינה, לְאַחַר שֶׁאוֹכְלִים וְשׁוֹתִים אוֹמֵר לָהֶם בָּרְכוּ לְמִי שֶׁאֲכַלְתֶּם מִשֶּׁלּוֹ, אזוי ווי ביי נַעֲשֶׂה אָדָם איז געווען אריין צוברענגען דעם מענטש תחת כנפי השכינה. דעמאלטס ווערט מען א שותף מיטן אויבערשטן. [א לימוד און מוסר השכל פון דעם, אז מענטשן געבן פאר קינדער א צוקערל אין שול אדער וואו זאל נישט זיין זאל מען אכטונג געבן אז דער קינד מאכט א ברכה לְמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם, און מען ווערט א שותף מיטן אויבערשטן, ווייל מען געוואוינט דעם קינד צו מאכן ברכות און אזוי וועט ער זיין א ערליכער איד. נכדו המו"ל] (בית ישראל השלם למוה"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**פארוואס וויל אברהם מתנות?**

לְמַעַן יִיטַב־לִי בַעֲבוּרֵךְ: (יב יג) זאגט רש"י יתנו לי מתנות, פרעגן אלע אז עס שטייט דאך (משלי טו כז) "וְשׂוֹנֵא מַתָּנֹת יִחְיֶה." מען דארף פיינט האבן צו נעמען מתנות! און בכלל פארוואס דארף אברהם מאכן דעם גאנצע שפיל? נאר עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז מען גיט א מתנה פאר א צדיק האט דער צדיק א כח צו מתקן זיין די נשמות פון די נותנים, ממילא אברהם האט גוט געוואוסט אז אין מצרים איז נישטא קיין יראת שמים, ממילא האט ער געמאכט דעם שפיל אז די מצריים וועלן אים געבן מתנות, וועט אברהם, דער צדיק, באקומען כח אריין צו שיינען יראת שמים אין מצרים און זיי מתקן זיין און אזוי וועלן זיי נישט טאן שלעכט פאר זיי. (תפוחי חיים – פאנעט קארלסבורג)

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ו - מנוחה ושמחה**

דער המחבר איז משה וואס ער איז מרמז זיין נאמען אנפאנג די דריי ערשטע בתים, וואס דער זמר איז געמאכט פון פינף בתים און די צוויי לעצטע בתים הויבט זיך אן מיט א בי"ת. און אין סידור יעב"ץ עמדין שרייבט "ואולי הוא המחבר זמר כל מקדש" דאס איז שטייט דאס ערשטע מאל אין ספר "שירים וזמירות ותשבחות", געדרוקט אין קושטאנטינא (שנת ש"ה סימן קנ"ז).

מְנוּחָה וְשִׂמְחָה אוֹר לַיְּהוּדִים, יוֹם שַׁבָּתוֹן יוֹם מַחֲמַדִּים. שׁוֹמְרָיו וְזוֹכְרָיו הֵמָּה מְעִידִים. כִּי לְשִׁשָּׁה כֹּל בְּרוּאִים וְעוֹמְדִים: שְׁמֵי שָׁמַיִם אֶרֶץ וְיַמִּים. כָּל צְבָא מָרוֹם גְּבוֹהִים וְרָמִים. תַּנִּין וְאָדָם וְחַיַּת רְאֵמִים. כִּי בְּיָהּ ה' צוּר עוֹלָמִים: הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר לְעַם סְגֻלָּתוֹ, שָׁמוֹר לְקַדְּשׁוֹ מִבֹּאוֹ וְעַד צֵאתוֹ. שַׁבַּת קֹדֶשׁ יוֹם חֶמְדָּתוֹ, כִּי בוֹ שָׁבַת אֵל מִכָּל מְלַאכְתּוֹ: בְּמִצְוַת שַׁבָּת אֵל יַחֲלִיצָךְ. קוּם קְרָא אֵלָיו יָחִישׁ לְאַמְּצָךְ נִשְׁמַת כָּל חַי וְגַם נַעֲרִיצָךְ. אֱכוֹל בְּשִׂמְחָה כִּי כְבָר רָצָךְ: בְּמִשְׁנֶה לֶחֶם וְקִדּוּשׁ רַבָּה. בְּרוֹב מַטְעַמִּים וְרוּחַ נְדִיבָה. יִזְכּוּ לְרַב טוּב הַמִּתְעַנְּגִים בָּהּ. בְּבִיאַת גּוֹאֵל לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא: המשך בגליון הבא על הזמר מה ידידות.

1] אין דעם זמר איז נישטא קיין חילוקי נוסחאות און עס פעלט אויך נישט קיין שטיקלאך אזוי ווי ביי אנדערע זמירות.

2] כִּי לְשִׁשָּׁה כֹּל בְּרוּאִים וְעוֹמְדִים, דער ווארט כל איז מיט א חול"ם כֹּל, און נישט כָּל, און דער פשט איז אין די זעקס טעג איז אלעס געווען באשאפן און געשטאנען גרייט.

3] אין ספר נועם מגדים פ' כי תשא ברענגט אז דער וואס איז א שומר שבת זאגט עדות אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט אזוי ווי מיר זאגן שׁוֹמְרָיו וְזוֹכְרָיו הֵמָּה מְעִידִים כִּי לְשִׁשָּׁה כֹּל בְּרוּאִים וְעוֹמְדִים: פרעגט דער נועם מגדים אז מען באקומט דאך שכר אויף היטן שבת אויב אזוי פארדינען מיר ביי זאגן עדות וועגן די שכר און עס איז ידוע אז א נוגע בעדות איז פסול איז ווי באקומט מען שכר! נאר מען קען זאגן אז די וועלט ענטפערט אז אפילו שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אבער אז מען טוט א מצוה בשמחה באקומט מען יא שכר אויף די וועלט, ממילא קען מען זאגן אז עס שטייט דא אֱכוֹל בְּשִׂמְחָה כִּי כְבָר רָצָךְ, אז שבת דארף מען טאן אלעס מיט שמחה, און פאר שמחה באקומט מען די שכר פון שבת ממילא זענען מיר נישט נוגע בעדות וועגן די שכר. (שמח זבולון)

**אינטרעסאנטע באמערקונג**

אברהם איז געווען אלט נ"ח שנה 58 יאר ווען נח איז אוועק.
קומט אויס אז אברהם האט געהערט פון נח וועגן מבול, נח האט אויך געהערט פון מענטשן וואס האבן געהערט פון אדם הראשון וועגן די ערשטע טעג פון די בריאה. און שֵׁם בן נח איז געווען אלט הונדערט יאר ווען עס איז געווען די מבול און ער איז געווען נאנט מיט יצחק און יעקב וואס האט דאך געלערנט אין זיין ישיבה, האט דאך שֵׁם זיכער דערציילט וועגן מבול, און יעקב האט דאס זיכער איבערגעגעבן פאר זיינע קינדער און אייניקלאך און פאר די וועלט מפרסם זיין מעשי ה', זאגט דער הייליגער רמב"ן אין פרשת נח (י' א') וז"ל והרב -דער הייליגע רמב"ם- אמר במורה הנבוכים (ג ג): כי זה יאמת לשומעים חידוש העולם. וגם זה אמת, כי אברהם אבינו יצווה את בניו ואת ביתו אחריו ויעיד להם על נח ובניו שראו המבול והיו בתיבה, והנה הוא עד מפי עד בעניין כל המבול, ועד רביעי על יצירה, כי נח ראה אביו שראה אדם הראשון, ויצחק ויעקב ראו שם העד במבול, ויעקב מגיד כל זה ליורדי מצרים, גם לפרעה ואנשי דורו. והאנשים בכל דור יודעים מאבותם ארבעה וחמשה דורות, מגידים מעשיהם ותולדותיהם: עכ"ל. פלאי פלאים

**אינטרעסאנטע שאלה**

די אלע נעמען אין די תורה איז געגעבן געווארן וועגן עפעס וואס איז געווען אדער א סיבה, אזוי ווי יצחק איז וועגן "כל השומע יִצְחַק לי", יעקב וועגן עֲקֵב פון עֵשָׂו, עס דוכט זיך מיר אז נאר איין מאל איז דא א נאמען געגעבן געווארן נאך א אנדערע מענטש. ווער עס וועט דאס ענטפערן וועט אריינגיין אין א גורל פאר ספר פרדס יהודה.

## מדור העובדות
## געלט וואס איז געקומען פון א נישט גוטע מקור האט אפגעשוואכט די ישיבה

הרה"צ ר' ברוך אברהם פון בארדיוב - בן הרה"ק ר' נפתלי צבי אונגאר זצוק"ל בן הרה"ק ר' משה אליקים בריעה מדאמבראווע זצוק"ל ואמו בת הרה"ק ר' משה הלברשטאם מבארדיוב בן הרה"ק ר' ברוך מגארליץ בנו של הדברי חיים מצאנז זצוק"ל- האט דערציילט אז ווען ער האט געלערנט אין ישיבת באבוב ביים היילגן קדושת ציון הי"ד זצוק"ל איז אמאל געקומען דער באוואוסטע חזן ר' יוסל'ע ראזענבלאט באזוכן די שטאט באבוב אויף אפאר טעג, דאס איז געווען אין די ניין טעג, די בחורים האבן געבעטן דעם חזן צו זינגען אפאר פון זיינע שטיקלאך און ער האט מסכים געווען, און דערנאך האט דער קדושת ציון געזאגט צו די בחורים צו זינגען צוויי ניגונים וואס דער קדושת ציון האט פארפאסט אויף "על נהרות בבל" און "קול בכי לאה" וואס פאסט אויף די ניין טעג. און עס האט אים זייער געפעלן די ניגונים [עס איז דא א שמועה וועגן די מעשה אז יוסל'ע איז ארויס פון די כלים און האט געזאגט אזא ניגון קען מען נאר פארפאסן ברוח הקודש און ווען מען האט דאס איבער געזאגט פארן רבין האט ער געזאגט אויב יאסעלע וואלט געווען א מומחה אויף רוח הקודש אזוי ווי אויף נגינה וואלט דאס געווען א פיינער קאמפלימענט] יוסל'ע איז געווארן זייער אנציקט פון זיין באזוך אין באבוב און מיט זיך טרעפן מיטן קדושת ציון. ווען ער געפארן קיין אמעריקא האט ער געשיקט כסדר געלט פאר די ישיבה דורך ר' אלימלך אלעזור עהרענבערג.

איינמאל האט זיך געמאכט אז יוסל'ע האט געשיקט א שיינע סכום פון א פאר הונדערט דולר וואס איז געווען א הון רב, און די ישיבה האט געקענט לעבן פון דעם פיר חדשים, וואס דאס וואלט מחי' געווען דעם רב. אבער א קורצע צייט נאך באקומען די געלט האט דער רב באמערקט א נאכגעלאזנקייט ביי די בחורים אין ישיבה סיי ביים דאווענען און סיי ביים לערנען, און דער רב האט אנגעהויבן חוקר ודורש זיין וואס קען דאס זיין! ווען ער האט גארנישט געקענט דערגיין אז עפעס איז געשען איז אים איינגעפאלן אפשר איז דאס וועגן די געלט פון אמעריקא וואס ר' מילך אלעזור האט געשיקט און דער רב האט געשיקט א בריוו צו ר' מילך אלעזור אז ער זאל אויסגעפונען פון וואו האט יוסל'ע באקומען יענע געלט. האט זיך ר' מילך אלעזור פארבונדען מיט יוסל'ע וואס ער האט געזאגט אז עס איז געווען גאר א גרויסער קאנצערט וואס איז געווען תערובת אבער ער האט זיך פארענטפערט אז מען האט אים צוגעזאגט אז עס וועט זיין א מחיצה אבער ווען ער איז געקומען איז שוין געווען פארפאלן!

ווען דער רב האט באקומען זיין ענטפער האט ער אויפגעהערט נוצן יענע געלט און האט טאקע באלד געזען א שינוי לטובה ביי די בחורים! האט דער קדושת ציון דערציילט אז בימי הבעש"ט איז געווען א שטעטל וואס האבן באקומען א נייע ספר תורה און כמעט יעדע וואך האט מען געטראפן א פסול אין ס"ת! מען האט געמיינט אפשר איינער טוט דאס במזיד אבער ווער ווייסט? איז מען געפארן צום היילגן בעש"ט און דערציילט די מאדנע מעשה און זייער חשד.

דער בעש"ט נעמט זיך טראכטן און זאגט אז קיינער מאכט נישט דעם ס"ת פסול, נאר עס איז געווען א אידישע ארענדער וואס האט געעפנט א קרעטשמע וואס אידן האבן אנגעהויבן קומען עסן און זיך אפרוהען, און ווייל ער איז געווען א צוגעלאזטער איד און געהאט א ווארעמע קרעטשמע האבן מענטשן געבליבן אויף א לענגערע צייט אין די קאלטע ווינטער טעג. און דער איד האט זייער מצליח געווען. יעצט זייענדיג פויערן און נישט קענען לערנען איז כדי צו פארטאן די צייט, פלעגן די אורחים שפילן קארטן, און צוביסלאך איז דער קרעטשמע געווארן באוואוסט אז דארט שפילט מען קארטן.

דער ארענדער האט דאס געזען און האט נישט געהאט חשק צו דעם, אבער ער האט נישט געקענט ארויס ווארפן די אורחים און דעריבער האט ער געמאכט א תקנה אז ער וועט לייגן א פושקע אויפן טיש און פון יעדן שפיל מוז דער געווינער ארייגלייגן אין פושקע א פראצענט פון זיין פארדינסט, און דאס געלט וועט גיין פאר צדקה און אזוי האט זיך אנגעזאמלט זייער אסאך געלט אין די פושקע, האט דער ארענדער מקיים געווען זיין צוזאג און איז אריבער געגאנגען צו א סופר און באשטעלט ער זאל שרייבן א ספר תורה, האט אויס געפירט דער הייליגער בעש"ט אז אייער ס"ת איז פון יענעם סופר אבער די געלט קומט פון שפילן קארטן, ממילא איז נישט קיין חידוש אז דער ס"ת ווערט כסדר פסול!

האט דער קדושת ציון זיך אנגערופן אז געלט וואס מען פארדינט פון שפילן א קאנצערט פאר תערובות איז אויך נישט א חידוש אז דאס האט געשאפט א התרשלות אויף די בחורי הישיבה.

דאס האט דערציילט הרה"ק ר' ברוך אברהם זצ"ל, האט זיין זון הר' דוב בערל ה"ש זצ"ל צוגעלייגט אז ווען דער בי"ד צדק פון ירושלים זענען געקומען קיין אמעריקא שנת תשמ"ח צו מייסד זיין זייער "קרן הצלה" איז הרה"צ ר' משה אריה פריינד זצוק"ל געקומען צום היילגן באבובער רב ר' שלמה זצוק"ל אים איינלאדנען צו די אסיפה, האט אים דער רב ז"ל דערציילט דעם פריערדיגן מעשה און מיט דעם געוואלט מחזק זיין דעם "קרן הצלה".

(נדפוס ברשות מספר "מבית אבותי ורבותי" מאת הר"ר בערל הלברשטאם זצ"ל)


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן***

*א זעלטענע שיינע תהלים זיטאמיר תרכ"ז דגל והודיה $25000, נישטא נאך אזא גלייכן, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן $7500, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות $3500, 42 מכתבים לרב גדול בדברי תורה שלא נדפסו, 2 אור שמח, 7 חזון איש, ר' מנחם זעמבא, רוזשטשוב, ר' אלחנן, ר' ברוך בער,ועוד $125000, תשובה צוויי זייטן אן א חתימה פון הייליגן ערבי נחל $20000, 5 בריוו פון ר' עקיבא איגר $150000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $2000, תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה אליו מהר' משה חאגיז. $75,000 ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות בן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000,*

א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל $1000, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ם זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע. אדמו"ר מקאפישטניץ. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן $2000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת